הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א
"לבינו להשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"

פרשת ויצא ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון כ"ט ||| שנה ב'

הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר בראשית
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות

# בר בטחתי

## להשפיע טובך לבריותך;
**וויאַזוי צו ממתיק זיין אַלע 'קטרוגים' און באַקומען גוטע השפעות**

יום א' עקב י"ז מנחם אב תשע"ט לפ"ק

א

## בזיעת אפך תאכל לחם; פאַרוואָס קומט פּרנסה אָן אַזוי שווער

### אַ שטיקל פון ספה"ק 'מאור עינים' וואָס איז 'מאיר עינים'

מען האָט עוסק געווען אין די פריערדיגע שיעורים אין די ווערטער פון דעם חובת הלבבות אַז מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיין שום השתדלות, ווייל אפילו די השתדלות וואָס מען איז מחויב צו מאַכן, העלפט אָבער גאָרנישט אויף למעשה, אפילו נישט קיין משהו. אַ איד דאַרף בלויז גלייבן אַז דער רבוש"ע טוט אַלעס, אָן קיין שום חשבון אָדער מהלך לויט אונזער פאַרשטאַנד.

מען קען נישט ממשיך זיין ווייטער, איידער מען לערנט די ליכטיגע ווערטער פון דעם הייליגן **'מאור עינים'**, אין דעם לעצטן שטיקל פון פּרשת ואתחנן, **וואָס ס'איז באמת 'מאור עינים' - תרתי משמע', עס מאַכט אונז ליכטיג די אויגן וויאַזוי עס אַרבעט די גאַנצע ענין פון שפע אויף דער וועלט און וויאַזוי אַ איד קען לעבן אַ געשמאַקע חיים טובים!** דער מאור עינים בויעט ממש אויף טריט נאָך טריט די גאַנצע מהלך וויאַזוי אַ איד דאַרף באַטראַכטן די גאַנצע זאַך פון השפּעות, תפלה און אמונה.

אַזאַ שטיקל דאַרף מען חזר'ן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און צדיקים - בפרט די צדיקים פון דעם טשערנאָבלער חדר - האָבן טאַקע אָנגעוויזן אַז דער שטיקל איז ממש יסודות פאַר'ן גאַנצן לעבן!

### פּרנסה איז נישט גרינג

לאָמיר אָנהויבן לערנען דעם 'מאור עינים' מיט אַ שטיקל הקדמה:

געווענליך ווען מענטשן באַטראַכטן זייער לעבן און די וועלט אַרום, קומען זיי צו דער מסקנא אַז "פּרנסה איז נישט קיין לייכטע זאַך"! ווער רעדט נאָך ווען מען איז ב"ה זוכה צו האָבן אַ געבענטשטע שטוב מיט זרע ברך ה', מען דאַרף חתונה מאַכן קינדער, עס קומט נישט אָן גרינג פינאַנציעל.

אפילו אַזאַ איינער וואָס דער אויבערשטער האָט אים יאָ מזמין געווען אַ 'צינור' פאַר פּרנסה, ווען ער קוקט זיך אַרום זעט ער אויך אַז רוב מענטשן מוטשען זיך שטאַרק פאַר פּרנסה. מיר אַלע האָבן אין קאָפּ די ידיעה אַז פּרנסה איז זייער אַ שווערע נושא.

בדרך כלל, אין אָנהויב ווען אַ מענטש טרעפט זיך מיט דעם פּראָבלעם אַז ער דאַרף האָבן פּרנסה, איז זיין ערשטע מהלך צו עוסק זיין אין השתדלות; ער הייבט אָן טון און מאַכן, אָבער דער אויבערשטער העלפט אַז מען איז נישט מצליח, ווייל דאָס איז דאָך דער דרך השקר.

ענדליך זעט דער מענטש אַז זיין השתדלות ברענגט אים אין ערגעץ נישט. דעמאָלט הייבט ער אָן הערן דרשות און ער איז זיך מחזק מיט חיזוק ווערטער, ער הייבט אָן כאַפּן אַז מ'דאַרף האָבן מער בטחון, ער פּרובירט זאָגן 'פּרשת המן', ווייל ער ווייסט אַז ער דאַרף אָנקומען צום אויבערשטן אַסאַך מער ווי ער האָט זיך איינגערעדט.

אָבער אפילו נאָכדעם וואָס ער איז זיך מחזק מיט אמונה ובטחון, זעט ער נאָך אַלס אַז פּרנסה איז אַ שווערע נושא. ער גייט נישט יעצט זאָגן: "נע, ס'איז גאָרנישט, מאַך נישט קיין בער דערפון", עס בלייבט אים אייביג אין מח די הגדרה אַז פּרנסה קומט נישט אָן גרינג, נאָר ער ווייסט שוין אַז ס'איז דאָ עצות דערצו, נאָך אַ קאַפּיטל תהלים און נאָך אַביסל בטחון, דאָס וועט אים העלפן אָנקומען צו זיין פּרנסה.

### צו טרעפן אַ לעזונג דאַרף מען וויסן דעם מקור פון דעם פּראָבלעם

קומט דער הייליגער 'מאור עינים' און ער לערנט אונז די תירוץ אויף די שאלה: פאַרוואָס איז טאַקע פּרנסה אַזאַ שווערע נושא, פאַרוואָס קומט דאָס נישט אָן לייכט צו פאַרדינען אונזערע באַדערפענישן?!

ס'איז זייער וויכטיג צו וויסן די ידיעה, ווייל **ווען מען וויל טרעפן אַ לעזונג צו אַ פּראָבלעם, דאַרף מען קודם פאַרשטיין און וויסן די שורש פון דער שוועריגקייט**. אַזוי קען מען דאָס באַהאַנדלן ריכטיג און יסודות'דיג, מ'קען נישט בלויז קוקן דערויף מיט אַן אויבערפלעכליכע בליק, נאָר מען דאַרף גוט אַרויסהאָבן די שורש וואָס ברענגט דעם גאַנצן פּראָבלעם.

אַ ביישפּיל דערצו זעט מען אין דעם פעלד פון חינוך, אַז ווען אַ קינד פירט זיך נישט געהעריג, איז נישט גענוג אַז מען גיט אים אַ פּאַטש אָדער מען שרייט אים אָן. דאָס קען אפשר העלפן אויף אַ קורצע צייט, אָבער אויב מען וויל באמת טוישן דאָס קינד, דאַרף מען אַריינקוקן טיפער: וואו איז דער שורש פון דעם פּראָבלעם?! אַז מען ווייסט דעם שורש קען מען אַרבעטן מיט 'סבלנות', מען קען נוצן דעם 'דרך ארוכה שהוא קצרה', צו אַוועקשטעלן דאָס קינד ריכטיג, אַזוי אַז מען זאָל נישט דאַרפן כסדר אויפקומען מיט פרישע לעזונגען וואָס העלפט פאַר אַ וואָך צוויי, ווייל אַז מען האָט זיך דערגרינטעוועט צום שורש קען מען דאָס גרינטליך באַהאַנדלן בעזו"ה.

## די סתירה וואָס פּאַסירט אויב מען זאָגט אַז פּרנסה איז לייכט

צוליב נאָך אַ טעם איז אַזוי וויכטיג צו לערנען די הייליגע ווערטער פון דעם 'מאור עינים', ווייל ווען אַ מענטש הערט 'דרשות חיזוק' וואָס זאָגן אים אַז בעצם איז פּרנסה אַ גרינגע זאַך, ווערט אָבער פּאַסירן אַז איין טאָג גייט ער זיך אָנשטויסן מיט אַ סתירה...

ער האָט טאַקע געהערט אַ שיינע דרשה, אָבער שפּעטער **ווען ס'קומט צו זיין פּריוואַטע לעבן טרעפט ער זיך אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי זיס צו באַקומען פּרנסה.** אודאי גלייבט ער באמונה שלימה אַז די איינציגע וועג צו באַקומען שפע איז דורך בטחון און תפלה, אָבער ער זעט נישט אַז ס'זאָל אָנקומען אַזוי גרינג.

ווען אַ מענטש טרעפט זיך אין אַזאַ סתירה, איז דאָס גורם אַז ס'ווערט ביי אים אָפּגעשוואַכט אַלעס וואָס ער האָט געהערט, ווייל ס'איז אים זייער שווער דאָס צו מקבל זיין, ווען ער זעט בחוש אַז ס'איז נישט ריכטיג וואָס מען האָט אים געזאָגט. דער אמת וואָס ער זעט במציאות איז שטאַרקער ווי דער אמת וואָס דער בעל דרשן האָט גערעדט.

## פּרנסה איז שווער אָבער ס'האָט אַ סיבה

דערפאַר קומט דער הייליגער 'מאור עינים' און ער איז לערנט אונז אַז ריכטיג, פּרנסה איז לגמרי נישט קיין לייכטע פּרשה. עס קומט באמת אָן זייער שווער ביז די פּרנסה זאל נמשך ווערן אויפ'ן מענטש. אָבער אויב דו ווייסט מיינען אַז ס'איז שווער צוליב אַ געוויסע סיבה, און דו ווייסט משקיע זיין אַלע דיינע כוחות צו לעזן די נישט ריכטיגע סיבה, דעמאָלט וועסטו גרייזן אַגאַנץ לעבן און זיך קיינמאָל נישט אַרויסזען דערפון!

דער מאור עינים פּאַרציילט אונז דעם סוד: וואָס איז די אמת'ע סיבה דערצו, אַזוי וועסטו וויסן וואָס צו טון און וואו צו לייגן דעם דגוש צו באַקומען פּרנסה, וועסטו זען אַז ס'וועט אַרבעטן!

## יעדע שפע דאַרף דורכגיין טויזנטער מדרגות ביז ס'קומט אָן דאָ אונטן

דער 'מאור עינים' איז מסביר: יעדעס מאָל וואָס דער אויבערשטער וויל משפיע זיין אַ שפע אויף דער וועלט, דאַרף עס קומען פון אַ גאָר הויכער פּלאַץ אין די עולמות העליונים. **די שפע דאַרף אַראָפּקומען פון אַ 'מקום עליון וגבוה' און עס דאַרף פּאַרוואַנדלט ווערן אויף אַ גשמיות'דיגע אופן**, אַז ס'זאָל זיך קענען אַנטפּלעקן פאַר דעם מענטש דאָ אויף דער וועלט.

יעדעס מאָל וואָס עס קומט אַ שפע פאַר'ן מענטש, דאַרף דאָס אַראָפּקומען **דורך אַ מהלך פון טויזנטער מדריגות.** דאָס רעכנט מען נישט לויט גשמיות'דיגע באַגריפן פון 'קילאָמעטער' וכדומה, נאר די טויזנטער מדריגות זענען 'צמצומים' וואָס טוישט די מהות פון דער זאַך און ערמעגליכט אַז מיר זאָלן דאָס קענען באַקומען. בשורש איז דאָך די שפע אַ רוחניות'דיגע השפּעה, און **דעריבער דאַרף דאָס אַריבערגיין פון איין וועלט צום צווייטן, אַזוי ווערט עס מער נתגשם און דאַן נאָכמער נתגשם, ביז עס קען ווערן אַ גשמיות'דיגע ברויט**, וואָס מען קען עס בפּועל אָנטאַפּן און עס קען אַריינגיין אין דעם מענטש אים צו זאַט מאַכן...

# דער מאור עינים פּאַרציילט אונז דעם סוד: וואָס איז די אמת'ע סיבה דערצו

דאָס איז למעשה זייער אַ ווייטע וועג און ס'איז אַ ריזיגער שינוי וואָס געשעט; פון דעם גאָר הויכן 'שורש', ביז דעם גאָר נידריגן 'תוצאה', וואָס מיר זען מיט די פליישיגע אויגן!

## די הנהגה פון 'גבורות' מאַכט אַז די שפע זאָל קענען אַראָפּקומען

הגם וואָס דער רבוש"ע קען דאָך אַלעס מאַכן, גאָרנישט איז אים שווער. פּונקט ווי ער האָט געקענט באַשאַפן די גאַנצע וועלט מיט דעם אות ה"א, איז פאַר אים נישט קיין גרויסע טירחא צו אַראָפּברענגען די גאַנצע שפע פאר אַלע ברואים פון דעם סאַמע העכסטן פּלאַץ, איז דער 'מאור עינים' מסביר אַז דער סדר וויאַזוי זאַכן ווערן 'מצומצם', פון אַ רוחניות'דיגע צורה צו אַ גשמיות'דיגע השפּעה, פּאַסירט דורכדעם וואָס עס ווערט נתעורר די הנהגה פון 'גבורות' און 'צמצומים'.

ווען דער אויבערשטער וויל אַז אַ 'דבר רוחני' זאל אַראָפּקומען דאָ בגשמיות, וועט ער מעורר זיין די הנהגה פון 'גבורות'; **דאָס טוט מצמצם זיין די זאַך מער און מער, ביז עס קען אָנקומען צום מגושם'דיגן מענטש אויף דעם עולם הזה.**

## די הנהגה פון 'גבורות' איז אויך מעורר מקטרגים

עס פּאָדערט זיך צו נוצן די הנהגה פון 'גבורות' ווייל דאָס איז די 'כלי' וואָס מאַכט אַז די שפע זאָל קענען אָנקומען! אָבער דאָ געשעט דער פּראָבלעם אַז אין דער מינוט וואָס מען איז מעורר די 'גבורות', ווערט אויך אויפגעוועקט די אַנדערע זייט פון 'גבורות', די אַלע מקטרגים און דינים קומען אָן, ווייל מען האָט דאָך געניצט די 'גבורות' כדי צו ברענגען דורכדעם שפע פאַר'ן מענטש, זענען זיי יעצט אויך דאָ און עס הייבט זיך אָן אַ פּרשה... **די מקטרגים טענה'ן אַז דער מענטש איז נישט ראוי צו באַקומען די שפע, בעסער זאָל מען לאָזן די השפּעות אויף דעם הויכן פּלאַץ און עס נישט אַזוי שטאַרק מגשם זיין.**

אַזוי קומט אויס אַז דער קליינער מענטשעלע דאָ אויף דער וועלט, דאַרף זיך יעצט דינגען מיט די מקטרגים, און דערפאַר קומט טאַקע אָן אַזוי שווער צו באַקומען פּרנסה!

## די סיבה פאַרוואָס ס'איז אַזוי שווער ביז מ'זעט ענדליך דאָס געלט אין קעשענע

דאָס איז די סיבה פאַרוואָס מען דאַרף דורכגיין אַזויפיל עגמת נפש יעדעס מאָל ביז עס קומט אַריין די שפע. אַ מענטש וואונדערט זיך צומאָל: **פאַרוואָס זעה איך דאָס גיהנום מיט יענער וואָס דאַרף מיך באַצאָלן געלט?!** איך האָב אים שוין געקלונגען און ער האָט נישט אויפגעהויבן, ווען כ'האָב אים ענדליך געכאַפּט האָט ער געזאָגט אַז ער גייט אָפּצאָלן קומענדיגע וואָך... למעשה איז שוין אַריבער אַ וואָך און יענער האָט אַ פרישן תירוץ אַז ער וואַרט אויף געלט וואָס דאַרף אים אַריינקומען... **פאַרוואָס דאַרף דאָס זיין יעדעס מאָל אַזאַ גאַנצע פּרשה?! אַז דו קומסט מיר דאָס געלט געב מיך עס גלייך!**

זאָלסטו וויסן אַז דאָס האָט בכלל נישט צוטון מיט די אַלע מענטשן און מיט די טעכנישע פּרטים! **די שפע פאַרזוימט זיך ווייל די מקטרגים אין הימל פּרובירן דאָס אָפּצוהאַלטן!**

מען קען הערן מענטשן דרוקן זיך אויס:"מיינסט טאַקע אַז אַהאַלב מיליאָן דאָלער קומט צופיס?! מען דאַרף אַסאַך שוויצן ביז מען פאַרדינט אַהאַלב מיליאָן דאָלער!", אָדער ווי אַנדערע זאָגן: "קלערסט טאַקע אַז ווייל יענער גביר האָט אַזויפיל געלט, שטייט ער יעצט און וואַרט דיך עס צו געבן?! עס אַרבעט נישט אַזוי! וועסט דאַרפן אַריינלייגן פינף - צען יאָר צו בויען אַ קשר מיט אים, ביז דו וועסט עפּעס קענען באַקומען"... **אַזוי איז מען מסביר יעדע זאַך מיט סברות און תירוצים פאַרוואָס ס'איז אַזוי שווער צו באַקומען געלט און פּרנסה:** "מיינסט אַז אויב דו וועסט דאָרט אינוועסטירן וועסטו מצליח זיין? אַסאַך קלוגערע מענטשן האָבן שוין פּרובירט און זענען דורכגעפאַלן!".

**אָט די אַלע הסברים און סיבות זענען בלויז גשמיות'דיגע לבושים!** די עכטע סיבה פאַרוואָס פּרנסה קומט נישט אָן גרינג איז ווייבאַלד דאָס דאַרף נשפּע ווערן פון דעם גאָר הויכן שורש, און די מקטרגים ווילן נישט דערלאָזן אַז דאָס זאָל אַראָפּקומען!

## די ענליכקייט פון דער 'מפתח של גשמים - פּרנסה' און דער 'מפתח של חיה'

דער 'מאור עינים' איז מסביר אַז די זאַך פון פּרנסה איז פּונקט אַזויווי די מושג וואָס ווערט אָנגערופן 'מקשה לילד'. מען ווייסט דאָך אַז ביי אַ 'מקשה לילד' דאַרף מען האָבן אַסאַך תפלות און סייתא דשמיא, מען טוט ענינים און סגולות, ס'איז דאָ וואָס לייגן אַ ספה"ק נועם אלימלך אונטער'ן קישן און מען איז זיך מזכיר ביי צדיקים, פאַרוואָס?! ווייל **ווען מען וויל ממשיך זיין אַ נשמה פון אַ הויכע פּלאַץ מוז דאָס געשען דורך די הנהגה פון 'צמצום'** און דעמאָלט קומען אָן די מקטרגים וואָס ווילן דאָס אויפהאַלטן.

דערפאַר דאַרף מען טאַקע זאָגן תהלים, און טון די אַלע ענינים, נישט ווייל ס'זעט אויס ווי אַ גשמיות'דיגע סכנה אויף דער וועלט, **דאָס איז אַלעס בלויז אַ 'לבוש' וואָס דערציילט אונז דעם אמת'ן בילד וואָס שפּילט זיך אויס אויבן.**

ממש די זעלבע זאַך טוט זיך אָפּ ווען עס דאַרף

אַראָפּקומען די שפע פון פרנסה פון אַ הויכע פּלאַץ ביז אַראָפּ דאָ אונטן צו דער וועלט! ווי די **גמרא** אין **מסכת תענית** (ח, א) שטעלט טאַקע צוזאַם די צוויי ענינים אַז די שפע פוןביידע איז גאָר ענליך: "בשעה שהשמים נעצרין מלהוריד מטר, דומה לאשה שמחבלת ואינה יולדת... נאמרה עצירה בגשמים ונאמרה עצירה באשה... נאמר לידה באשה ונאמר לידה בגשמים... נאמר פקידה באשה ונאמר פקידה בגשמים."

### דער ויכוח מיט די מלאכים ביי מתן תורה איז אויך געקומען צוליב די מקטרגים

דער 'מאור עינים' דערמאַנט אַז די זעלבע זאַך האָט זיך אָפּגעשפּילט ווען דער רבוש"ע האָט אַראָפּגעברענגט די תורה אויף דער וועלט פאַר אידישע קינדער, ווי די **גמרא** זאָגט (שם, ז, א): "גדול יום הגשמים כיום שנתנה בו תורה". ווייל אויך דעמאָלט זענען געקומען די מלאכים מקטרגים און זיי האָבן גע'טענה'ט: "מה אנוש כי תזכרנו - תנה הודך על השמים" און משה רבינו האָט זיי געדאַרפט מנצח זיין.

ס'האָט דאָרט געדאַרפט נמשך ווערן אַ גאָר הייליגע און רוחניות'דיגע זאַך, די הייליגע תורה, צו קענען אַראָפּקומען דאָ אויף דער גשמיות'דיגער וועלט, און דאָס קען בלויז קומען דורך די הנהגה פון 'גבורות' און 'צמצום', וואָס דאָס איז ממילא מעורר די מקטרגים.

### אַלע אַרומיגע 'הסברים' זענען נישט מער ווי לבושים צו דער אמת'ער סיבה

דעריבער דאַרף אַ 'מקשה לילד' האָבן תפלות מיט זכותים, און דערפאַר איז פּרנסה אַזוי שווער, ווייל **ס'איז דאָ אַ 'סדר הבריאה' אַז כדי אַראָפּצוברענגען אַ זאַך פון אויבן דאַרף מען האָבן דעם כח פון 'צמצום' וואָס ערוועקט די מקטרגים.** דאָס איז די אמת'ע הסבר אויף די אַלע שוועריגקייטן, אַלע סיבות און הסברים וואָס מיר זען דאָ אויף דער וועלט, זענען בלויז די לבושים פון דעם שורש הדבר!

דער לשון פון דעם מאור עינים איז: "**כי עבור שהשפעתן הוא ממקום גבוה מאוד**" - וויבאַלד די השפעה קומט פון אַזאַ הויכע פּלאַץ. "**מתעוררים הדינים בירידתן דרך העולמות**" - ווערט נתעורר דער ענין פון 'צמצום' און 'גבורות'. "**לדון אותו היחיד או הכלל אם ראויים לקבל השפע ההיא המשתלשל מן המקור הגבוה מאוד, עד הארץ הגשמית הלז, שהיא בחינת לידה ממש**" - די מקטרגים ווילן אַז מען זאָל דן זיין דעם יחיד אָדער דעם כלל אויב זיי זענען טאַקע ראוי צו באַקומען די שפע. עס ווערט אַ גאַנצע דיון אין הימל צי דער מענטש איז ראוי אַז צוליב אים זאל נשתלשל ווערן די שפע, פון דעם הויכן מקור ביז צו דער גשמיות'דיגער ערד, וואָס דאָס איז ממש אַ בחינה פון אַ 'לידה'. **דעריבער איז אַזוי שווער צו פאַרדינען געלט און מצליח זיין אין דער פרנסה!**

ב

## כח התפלה; דאַווענען איז ממתיק אַלע 'דינים' און 'מקטרגים'

### די 'המתקת הדינים' וואָס פּאַסירט דורך תפלה

יעצט אַז מיר ווייסן שוין די 'סיבה' פאַרוואָס ס'איז אַזוי שווער צו באַקומען פּרנסה, דאַרף מען גיין צום צווייטן שטאַפּל; לאָמיר זוכן עצות אַז די שפע זאל יאָ קענען אַראָפּקומען, דורך דער הנהגה פון 'גבורה', אָן דעם וואָס די 'מקטרגים' זאלן דאָס קענען שטערן.

זאָגט אונז דער הייליגער מאור עינים אַז **די בעסטע עצה וואָס העלפט קעגן די מקטרגים, איז דער כח פון תפלה.** דער סדר הבריאה איז אויסגעשטעלט אַז "**תפלה איז ממתיק דינים!**" תפלה נעמט די אַלע מקטרגים, וואָס קומען פון דעם כח הצמצום, און עס איז זיי ממתיק!

נאָכמער: די תפלה מאַכט נישט בלויז אַז די 'גבורות' זאָלן נישט שטערן די שפע, נאָר **עס איז גורם אַז די 'גבורות' זעלבסט זאל דינען אַלס אַ כלי צו ברענגען די שפע!** ווייל ווי דערמאַנט, איז בעצם גאָר וויכטיג צו נוצן די מדה פון 'גבורות' כדי אַראָפּצוברענגען די שפע. **מען דאַרף עס נאר דרייען אַז ס'זאָל אַרבעטן פאר די טובה פונעם מענטש!** אויב מען איז ממתיק די גבורות, דורך תפלה, וועט עס מאַכן אַז די גבורות זאלן טון די די פעולה פאַר אונז, עס זאל העלפן אַראָפּברענגען די אַלע גוטע השפעות דורכ'ן עס מצמצם זיין פון איין וועלט צום אַנדערן, ביז צו אונזער גשמיות'דיגע וועלט!

### 'תפלה' ברענגט אַריין 'אמונה' וואָס וואַרפט אַוועק אַלע דינים

אויף אַן אַנדערע פּלאַץ, אין פרשת ויצא, איז דער 'מאור עינים' מסביר וויאַזוי תפלה העלפט טאַקע אַז ס'זאָלן נמתק ווערן אַלע דינים.

ווייל ווען אַ מענטש דאַוונט, איז ער זיך מעורר צו גלייבן מיט'ן גאַנצן האַרץ אַז דער רבוש"ע פירט אַלעס אויף דער וועלט. ער חזר'ט זיך איין אַז בלויז דער אויבערשטער איז דער 'רופא חולים וסומך נופלים' און בלויז דער אויבערשטער קען אים העלפן מיט יעדן פּרט פון זיין לעבן! ווען מען דאַוונט ברענגט מען אַריין די הכרה אין זיך, אַז **נישט בלויז מען זאָל דאָס 'וויסן' אַלס אַ 'ידיעה', נאר מען זאָל 'לעבן' דערמיט און מען זאָל דאָס מרגיש זיין מיט'ן גאַנצן האַרץ.**

ווען אַ איד איז עוסק אין תפלה מיט אָט דער כוונה, **איז ער זיך מדבק צו דעם אמת'ן 'מקור החיות'**, און דעמאָלט פאַלט אַוועק אַלע דינים און קטרוגים!

ווי דער מאור עינים שרייבט דאָס לשון: "**אין רע כי הרע היה על כי אין אלוק בקרבו, ועתה כי יש אלוק יש כל טוב וכל ברכה**". דאָס הייסט, אַז **די אַלע פּראָבלעמען קומען ווילאַנג דער מענטש איז אָפּגעריסן פון דעם מקור החיות, ער געפינט זיך אין אַן ענין פון 'מיתה', דאָס מאַכט אַז דער הנהגה פון 'גבורה' זאל אַרבעטן קעגן אים!** אָבער אין דער רגע וואָס אַ איד האָט זיך אַריינגעלייגט אין אמונה דורך תפלה, **ווערט ער צוריק לעבעדיג!** ער איז באַהאָפטן צו דעם מקור החיות! און **דאָס מאַכט אַז די אַלע 'גבורות' זאל אַרבעטן בלויז פאר זיין טובה און ברכה**, און נישט חלילה דאָס פאַרקערטע. די 'גבורות' ברענגט אים די בעסטע שפע פון דעם העכסטן פּלאַץ!

> **מאַכן טעלעפאָן קאָלס העלפט עפּעס צו ממתיק זיין דעם קטרוג?!**

### השתדלות קען נישט העלפן ווייל עס פאַררעכט נישט דעם פּראבלעם

אַצינד אַז מיר ווייסן אָט דעם יסוד - אַז די אָפּהאַלט פאר פּרנסה איז בלויז די 'מקטרגים' וואָס ווערן נתעורר - און מיר ווייסן שוין אויך פון די עצה - צו ממתיק זיין אַלע מקטרגים דורך אַ תפלה, **פאַרשטייט מען שוין אַסאַך שטאַרקער פאַרוואָס "השתדלות" העלפט ממש גאָרנישט!**

מענטשן מיינען אַז "מען דאַרף טון השתדלות און דער אויבערשטער וועט העלפן". דאָס איז פּשוט צאַמגעמישט צוויי זאַכן וואָס האָט נישט קיין שום שייכות איינס צום אַנדערן!

אויב וואָלט דער שורש פון דעם פּראָבלעם געווען אַז דער גביר האַלט נישט ביים געבן דאָס געלט, דעמאָלט וואָלט אפשר געווען די לעזונג אַז מען זאָל טון מער השתדלות. אָבער דאָס איז דאך 'שקר וכזב' און עס קומט פון אַ כפירה! **די שוועריגקייט צו באַקומען געלט איז בכלל נישט צוליב די גשמיות'דיגע סיבות וואָס מיר זען! די אמת'ע סיבה וואָס האַלט אָפּ די שפע איז די קטרוגים!** במילא איז דאך קלאָר אַז די איינציגע וועג צו באַקומען די שפע איז **דורך אַ זאַך וואָס העלפט קעגן קטרוגים!**

מאַכן טעלעפאָן קאָלס העלפט עפּעס צו ממתיק זיין דעם קטרוג?! טון השתדלות קען מבטל זיין די נישט גוטע 'דינים'?! **אודאי נישט!** בלויז אַזאַ זאַך וואָס העלפט קעגן די מקטרגים קען אונז ברענגען פּרנסה מיט שפע! און דאָס איז די כח פון תפלה וואָס איז ממתיק אַלע מקטרגים. אויך לימוד התורה האָט דעם כח צו ממתיק זיין דינים, אָבער דער 'סדר הבריאה' איז אַז תפלה העלפט נאָך אפילו מער ווען מען דאַרף מבטל זיין מקטרגים.

# יחזור ויתפלל; יעדע תפלה ברענגט אַראָפּ די שפע נאָנטער

## עס פאָדערט זיך אַסאַך תפלות צו מצמצם זיין די הויכע שפע ביז דער וועלט

דער הייליגער מאור עינים ערקלערט ווייטער אַ תירוץ אויף די שאלה וואָס מענטשן פרעגן אַסאַך מאָל: "איך האָב נישט געזען אַז מיין תפלה זאל ממתיק זיין די דינים?! איך האָב געדאַוונט איינמאָל און נאָכאַמאָל און די ישועה איז נאָכנישט געקומען?!".

געווענליך ענטפערט מען דערויף אַז יעדע תפלה טוט עפּעס אויף, אויב נישט יעצט וועט עס אַוועקגעלייגט פאַר אַן אַנדערע צייט. אָבער דער מאור עינים זאָגט פאַר'ן מענטש אַ ליכטיגע הסבר: **דו כאַפּסט נישט וואָס דאָ פּאַסירט! יעדע איינציגע תפלה העלפט פּאַקטיש מצמצם זיין די שפע און דאָס אַראָפּברענגען מיט נאָך אַ מדריגה!** אָבער די שפע קומט דאך פון אַזאַ 'מקום גבוה' אַז ס'דאַרף דורכגיין זייער אַסאַך עולמות; עס דאַרף ווערן גענוג שטאַרק נתגשם ביז עס קען אָנקומען צו דיין מצב דאָ אויף דער נידריגער וועלט!

דאָס הייסט אַז באמת טוט יעדע תפלה טאַקע אויף! **עס איז בפּועל ממש מוריד די שפע פון איין 'עולם' צו די קומענדיגע!** אויב דער מענטש וועט ווייטער דאַווענען וועט דאָס אַראָפּקומען ביז צו אים און ער וועט געהאָלפן ווערן!

לאָמיר זאָגן אַ משל אַז ס'איז דאָ 2,000 עולמות און מדריגות וואָס די שפע דארף דורכגיין כדי עס זאל ווערן גענוג מצומצם פאר דעם מענטש דאָ אויפ'ן עולם הזה. אַצינד, ווען אַ איד האָט געדאַוונט 1000 מאָל פאר דער ישועה, **האָט ער אודאי אויפגעטון אַ געוואַלד! ער האָט אַראָפּגעברענגט די שפע אַסאַך נענטער!**

ווען מען לערנט אַז משה רבינו האָט געדאַוונט 515 מאָל און אויב ער וואָלט געדאַוונט נאָך איין מאָל וואָלט ער געהאָלפן געוואָרן, איז נישט פּשט אַז די ערשטע 515 תפלות האָט גאָרנישט אויפגעטון, און בלויז די לעצטע האָט מצליח געווען. די ריכטיגע באַדייט דערפון איז אַז יעדע איינציגע תפלה ברענגט נענטער די ישועה, און אַז מען איז זיך נישט מייאש, נאר מען דאַוונט ווייטער, אפילו מען איז נאָכנישט געהאָלפן געוואָרן, וועט מען צום סוף זען אַז די ישועה איז אָנגעקומען, **אַדאַנק יעדע תפלה באזונדער!**

## אַן איכות'דיגע תפלה בכוונה איז אַסאַך מער ווערד

במאמר המוסגר איז טאַקע וויכטיג צו אָנמערקן אַז די 'ירידת השפע' איז אויך זייער שטאַרק געוואָנדן **אין דער 'איכות' פון דער תפלה.** וויפיל מער אַ איד דערמאַנט זיך ביים דאַווענען אַז דער רבוש"ע פירט אים, וויפיל מער ער איז זיך בוטח בה' אַז בלויז ער קען אים העלפן, וועט די תפלה אים נענטער ברענגען צו זיין 'מקור החיות' און דאָס וועט שנעלער אַראָפּברענגען די שפע.

## די געוואַלדיגע שאָדן ווען מען מישט אַריין שקר און זיוף אין דער השתדלות

אַצינד גייט דער 'מאור עינים' צום קומענדיגן שטאַפּל און ער זאָגט אונז אַ מורא'דיגער יסוד:

אויב דו פאַרשטייסט אַז די איינציגסטע זאַך וואָס העלפט פאר שפע איז צו מבטל זיין די מקטרגים, וועסטו אויך פאַרשטיין **וויפיל אַ מענטש קען זיך אליינס קאַליע מאַכן אויב ער מישט אַריין אַ 'שקר', אָדער 'שלעכטע מדות' אָדער אַנדערע 'פסלנות' און 'זיופים' אין זיין פּרנסה.** וואָס דער מענטש מאַכט דערמיט אַז ס'ווערט ח"ו פאַרגרעסערט די קטרוג און דאָס איז חלילה מעכב די שפע!

דער איד האָט זייער שטאַרק געוואָלט יעצט האָבן פּרנסה. ער האָט געדאַוונט, ער האָט געהאַט בטחון און אָט דארף עס שוין אָנקומען דורך דעם לבוש פון עוסק זיין בפּרנסה. **אָבער אויב וואַרפט ער יעצט אַריין אַ 'שקר' אָדער אַ חסרון אין מדות, איז ער דאָך מגדיל דעם קטרוג!**

דער מענטש טראַכט ביי דער ביזנעס: "איך גיי יענעם מחנך זיין איינמאָל פאר אַלעמאָל, אַז ער זאָל וויסן און געדענקן"... און דערנאָך קען ער נישט פאַרשטיין פאַרוואָס זיין פּרנסה האָט נישט מצליח געווען. **ער האָט עס געטון בידים!** יעדע 'שקר' און יעדעס מאָל וואָס מען ווערט אין כעס צוליב שלעכטע מדות, מאַכט אַז די שפע זאל נתעכב ווערן חלילה!

## שקר מאַכט קאַליע די השפּעה

וויפיל מאָל הערט מען וויאַזוי מענטשן זאָגן: "הער זיך איין, היינט צוטאָגס איז נישטאָ קיין ברירה, מען דאַרף אַמאָל זאָגן אַ ליגנט דאָ און אַ שקר דאָרט, אַזוי אַרבעט די ביזנעס וועלט, אָן קיין ליגנט קען מען נישט מצליח זיין". דאָס איז נישט בלויז קיין חסרון אין אמונה, נאר דאָס איז ממש אַ כפירה **וואָס ברענגט חלילה שאָדן פאר די גאַנצע שפע!** אויב וואָלט מען געגלייבט אַז די **פּרנסה קומט פון אויבערשטן און די השתדלות איז בלויז ווי אַן אונטערשריפט וואָס מ'דאַרף חתמ'ן אין באַנק איידער מען באַקומט די קעש**, דעמאָלט וואָלט מען נישט אַריינגעמישט קיין שקר מיט קיין אַנדערע זיופים!

> **וועןאַ איד האָט געדאַוונט 1000 מאָל פאר דער ישועה, האָט ער אודאי אויפגעטון אַ געוואַלד!**

לאָמיר געדענקן דעם כלל: "תפלה איז מבטל קטרוגים, און שקר ברענגט קטרוגים"! זיי נישט גורם בידים אַז ס'זאָל נתעכב ווערן דיין שפע! מיר דאַרפן זיך איינ'חזר'ן די אמת'ע שורש פאַרוואָס פּרנסה איז שווער און ווען דאָס ווערט לעבעדיג פאר די אויגן איז אַסאַך לייכטער זיך צו אויפפירן ערליך און ריכטיג ווען עס קומט צו טון השתדלות.

## אַז מען איז זיך מדבק צו השי"ת קומט אַ שפע

דער מאור עינים מאַכט אונז לעכטיג די אויגן. **ער פאַרציילט אונז דעם סוד פאַרוואָס ס'איז אַזוי שווער צו מאַכן פּרנסה, און אַז ס'איז דאָ וועג וויאַזוי דאָס מסדר צו זיין!** אויב מען איז משקיע אויפ'ן ריכטיגן אָרט, מען דאַוונט מעומק הלב, איינמאָל און נאָכאַמאָל, מיט אַ בטחון און אמונה, **דעמאָלט וועט מען ווערן דבוק צו דעם 'מקור החיים' און אַלע מקטרגים וועלן נמתק ווערן, צו קענען אַראָפּברענגען די שפע מיט אַ געוואַלדיגע ברכה!**

אַ איד האָט היינט פאַרציילט אַז זיין קינד איז שוין געשטאַנען אין די שידוכים יאָרן און מען האָט זיך זייער געמוטשעט, גאָרנישט האָט זיך נישט גערוקט ווייטער. ביז ס'איז געקומען צו אַ פּונקט וואָס די עלטערן האָבן גוט אַריינגענומען אין קאָפּ אַז **זיי גייען מער גאָרנישט טון נאר זיך אַריינלייגן צו דאַווענען און בעטן פון השי"ת דער מזווג זיווגים.** זיי האָבן אָנגעהויבן דאַווענען און אויסזאָגן תהלים מיט אַ געוואַלדיגע בטחון, און דער אויבערשטער האָט טאַקע געהאָלפן, ער האָט ב"ה באַקומען אַ שידוך "לעילא לעילא", וואָס ער וואָלט זיך קיינמאָל נישט גע'חלומ'ט אַז ער קען אָנקומען דערצו!

דאָס זעלבע האָט אַ איד דערציילט מיט עטליכע חדשים צוריק, אַז ער איז שוין געווען אַזוי אויפגעגעבן מיט שידוכים, אַז ער האָט אפילו מסכים געווען אויף שוואַכערע זאַכן, ווייל ס'איז אים געווען קלאָר אַז: "דאָס האָב איך און איך קען נישט ערוואַרטן עפּעס בעסער"... זעהנדיג ווי שווער ס'גייט אים האָט ער באַשלאָסן אַז ער גייט שוין נישט טון קיין שום איבריגע השתדלות חוץ תפלה! **ער האָט געדאַוונט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און ער האָט ב"ה באַקומען אַ שידוך וואָס האָט אפילו נישט קיין הסבר בדרך הטבע!** מענטשן פרעגן אים כסדר: "וואָס איז פּשט אַז דו האסט געקענט באַקומען אַזאַ שידוך?!"...

אָבער ער האָט דעם תירוץ, **ווייל ער האָט געוואוסט דעם אמת: וואָס איז מעכב די שפע?! די מקטרגים!** אויב אַזוי, אַז איך וועל מתפּלל זיין רואיג, **נישט מיט קיין 'עיון תפלה'**, נישט מיט קיין

צוגאַנג אַז די ישועה מוז יעצט די רגע אָנקומען, נאר מיט אַ בטחון און מיט אַן הכנעה צום רצון ה' אַז **ס'קען אויך געדויערן אַ יאָר צייט ביז די ישועה וועט קומען**, דעמאָלט וועל איך טאַקע געהאָלפן ווערן!

אַזוי אַרבעט דער סדר: וויפיל טיפער און וויפיל מער אמת'דיג די תפלות זענען, וויפיל מער מען גייט צו דערצו וואוסנדיג אַז דער רבוש"ע פירט די וועלט, **איז דאָס מער מבטל די קטרוגים און דערנאָך באַקומט מען אַזעלכע השפעות**, וואָס מען האָט זיך בכלל נישט געקענט פאָרשטעלן!

### זיי נישט פאַרנומען מיט די 'לבושים', גיי אין בית המדרש טון צו דער זאַך!

דער 'מאור עינים' אין פרשת ויצא ברענגט וואָס **חכמינו ז"ל** דערציילן (גיטין ז, א): מר עוקבא האָט געשיקט אַ שליחות צו רבי אלעזר אַז ער ליידט פון מענטשן וואָס זענען אים זייער מצער, און ער קען זיי איבערגעבן פאַר די מלכות, וואָס זאָל ער טון? האָט אים רבי אלעזר געענטפערט: **"דום לה' והתחולל לו, השכם והערב עליהם לבית המדרש והוא יפילם לפניך חללים, והם כלים מאליהם"**.

זאָגט דער מאור עינים, בשם דעם **בעל שם טוב הק'** וואָס האָט מסביר געווען די גמרא, אַז די שלעכטע לייט וואָס דערגייען די יאָרן פאַר'ן מענטש, **דאָס זענען סתם 'לבושים' פאר די 'מקטרגים' וואָס געפינען זיך אויבן אין הימל!** דערפאַר האָט רבי אלעזר געשיקט זאָגן פאר מר עוקבא אַז אַנשטאָט ער זאָל זיין פאַרנומען מיט די מענטשן, **זאָל ער גיין אין בית המדרש, לערנען און דאַווענען, דאָס וועט שוין ממילא אָפּשאָקלען אַלע מקטרגים און ס'וועט ווערן המתקת הדינים!**

עס לוינט זיך נישט צו נאַריש מאַכן און זיך קריגן מיט דעם מענטש וואָס איז מצער, ווייל אויב איז דאָ אַ 'מדת הדין' דאַן וועט דער מקטרג נאָכדעם אָנקומען דורך אַ צווייטער מענטש אָדער דורך אַ צווייטע זאַך, **די בעסטע עצה איז זיך צו קריגן מיט דעם 'שורש'! וויאַזוי?! דורך 'השכם והערב לבית המדרש'! דורך תורה מיט תפלה בדחילו ורחימו!** דאָס איז מבטל די שורש פון אַלע צרות!

איי, ווען מענטשן פרעגן, דער **אור החיים הק'** זאָגט דאך אין פרשת וישב, אַז אַ 'בעל בחירה' האָט אַ כח צו מצער זיין דעם מענטש?!

אָבער לויט דעם 'מאור עינים' קומט אויס אַז דאָס איז נישט גוט אָפּגעלערנט דעם אוה"ח הק': די 'בעלי בחירה' זענען בסך הכל בלויז די 'כלים' פאר די 'מקטרגים' פון אויבן. די שלעכטע מענטשן זענען אין אַ בחינה פון "מגלגלין חובה על ידי חייב" - זיי באַקומען אַ בחירה צו קענען טון רשעות און חטאים און זיי ווערן צום סוף נענש ווערן דערויף, אָבער **וויאַזוי האָבן זיי דיך געקענט שאָדן מאַכן?! וויאַזוי האָט זייער שלעכטס געקענט אָנקומען צו דיר?! דאָס איז בלויז געשען ווייל ס'איז דאָ מקטרגים וועלכע זענען זיך מלבש אין די בעלי בחירה דאָ אויף דער וועלט.** אין דער מינוט וואָס די מקטרגים ווערן נמתק האָבן די בעלי בחירה שוין נישט קיין שום כח!

### אַ שפע וואָס איז געקומען דורך אַסאַך תפלה איז גאָר עפּעס אַנדערש

נאָכדעם וואָס דער מאור עינים האָט אונז געלערנט: **וואָס איז דער 'פּראָבלעם', און וואָס איז די איינציגסטע 'עצה' פאר דעם פּראָבלעם;** דער **פּראָבלעם** איז נישט קיין מענטשן און נישט קיין גשמיות'דיגע סיבות, נאר אַ הימלישע הנהגה פון 'מקטרגים', און די **איינציגסטע עצה** פאר דעם פּראָבלעם איז צו ממשיך זיין די שפע דורך תפלה; פאַרשטייט מען שוין גוט פאַרוואָס מען דאַרף אַזויפיל מאָל מתפלל זיין און נישט נאָכלאָזן פון תפלות, איינמאָל און נאָכאַמאָל.

אַמאָל קען זיך אַ מענטש וואונדערן: דאָס קען מען נאָך פאַרשטיין אַז אַ תפלה מיט מער עמקות און כוונה ברענגט מער שפע, אָבער **פאַרוואָס עפּעס העלפט צו דאַווענען מער 'בכמות'?! פאַרוואָס דאַרף מען דאַווענען אַזויפיל מאָל?!** איז דער 'מאור עינים' מסביר אַז די שפע דאַרף דאָך אַראָפּקומען פון איין עולם צום אַנדערן, און יעדעס מאָל דארף דאָס ווערן מצומצם, ביז עס קען ענדליך אָנקומען צום מענטש! **דערפאַר געדויערט צומאָל אַסאַך צייט ביז מען איז זוכה צו דער ישועה, ווייל מען האָט געדאַרפט אָנקומען צו אַ געוויסע סכום פון תפלות, אַז ס'זאָל קענען טאַקע אַראָפּקומען פון אַזוי הויך!**

מיט דעם יסוד פאַרשטייט מען אויך גוט פאַרוואָס מ'זעט אַזויפיל מאָל אַז ווען די ישועה האָט געדויערט לענגער צו קומען און מען האָט אַסאַך געדאַווענט דערפאַר, **וועט די ישועה טאַקע זיין גאָר ספּעציעל און באַזונדער, מער ווי געוועינליך.** ווי מ'זעט אַסאַך מאָל אַז אן אויסגעבעטן קינד, וואָס מען האָט לאַנג געוואַרט און מתפלל געווען פאַר אים, איז טאַקע אַ ספּעציעלער קינד. דאָס איז **ווייל מיט אַזויפיל תפלות האָט מען ממשיך געווען די שפע פון אַ העכערע פלאַץ!** מען האָט באַקומען אַסאַך מער אַ ווערטפולע השפעה ווי אַ זאַך וואָס קומט מיט ווייניגער תפלות!

# שנים מקרא ואחד תרגום

## וידעת את ה';

לימוד חומש רש"י ברענגט אונז אַלע ידיעות פאר אַ לעבן פון עבודת ה'

יום ה' לך, ח' מרחשוון תשפ"ב לפ"ק

א

## איה מקום כבודו; לערנען חומש רש"י צו וויסן וואו דער אויבערשטער וואוינט

### חומש רש"י איז מקרב צו השי"ת

ס'איז מקובל פון **בעש"ט הק'** אַז ווער ס'איז רגיל צו לערנען פירוש רש"י על התורה קען גרינגערהייט זיך דערנענטערן צום אויבערשטן. אַזוי האָבן טאַקע אַלע תלמידי בעש"ט הק' גערעדט וועגן די געוואַלדיגע קרבת אלקים וואָס מען קען זוכה זיין דורך לערנען חומש רש"י.

הרה"ק רבי **פייוויש פון יאברוב** זי"ע, אַן אייניקל פון דעם הייליגן **שר שלום מבעלזא** זי"ע, האָט נאָכגעזאָגט פון זיין זיידן, דער בעלזער רב, אַז אַ **איד וואָס לערנט נישט חומש רש"י יעדע וואָך "ווייסט נישט וואו גאָט וואוינט"**. דאָס הייסט אַז ס'פעלט אים אין די הבנה וואָס אַ איד דארף אַלעמאָל שפּירן און געדענקן וואו דער אויבערשטער וואוינט!

### "זאָלסט פילעווען חומש רש"י, וועסטו וויסן וואו דער באַשעפער וואוינט"

ס'איז ידוע וויפיל הרה"ק רבי **מרדכי'לע נאַדבורנער** זי"ע האָט מפליג געווען דאָס גרויסקייט פון לערנען חומש רש"י. ווען הרה"ק **מסאַטמאַר** זי"ע איז געווען אַ יונגל פון פיר יאָר, האָט אים ר' מרדכי"לע פאַרהערט חומש רש"י און אים געזאָגט בלשון קדשו: **"זאָלסט פילעווען חומש רש"י, וועסטו וויסן וואו דער באַשעפער וואוינט. מרדכי'לע האָט געקענט אַסאַך גרויסע לייט וואָס האָבן נישט געפילעוועט חומש רש"י און זיי האָבן נישט געוואוסט וואו דער באַשעפער וואוינט"**.

דאָס איז ממש די זעלבע נוסח פונעם שר שלום זי"ע, אַז אפילו מענטשן וואָס זענען גרויס אין אַנדערע חלקי התורה, אָבער **ווען עס קומט צו וויסן "וואו גאָט וואוינט" דעמאָלט איז בלויז דאָ איין וועג:** צו לערנען חומש רש"י! מ'קען זיך דערפון נישט אַרויסדרייען.

הרה"ק **מסאַטמאַר** זי"ע איז טאַקע נזהר געווען

מיט אַ גרויסן דגוש אויף דעם ענין. ער האָט עס אָנגענומען ממש ווי אַ צוואה פון רבי מרדכי'לע און עד יומו האחרון האָט ער מקפיד געווען צו לערנען יעדן טאָג חומש רש"י.

כידוע האָט דער סאַטמאַרער רב ליידער געליטן אַ שווערן סטראָוק, פרשת משפטים שנת תשכ"ח. אין די ערשטע עטליכע טעג נאָכ'ן זיך אויפכאַפּן האָט ער נישט געקענט זיך מצמצם זיין צו לערנען חומש רש"י צוליב זיין גרויסע שוואַכקייט. ביז איין אינדערפרי האָט מען אים געטראָפן מיט אַ געוואַלדיגע שמחה. ער האָט דערציילט אַז ר' מרדכי'לע איז געקומען צו אים אין חלום און דער סאַטמאַרער רב האָב זיך אויסגערעדט צו אים אַז מחמת חולשתו קען ער נישט לערנען חומש רש"י, האָט אים רבי מרדכי'לע געבענטשט אַז ער זאָל נאָך קענען אַסאַך צייט לערנען חומש רש"י, און אַזוי איז טאַקע געווען, ער האָט געלעבט נאָך 11 יאָר און עד סוף ימיו ממש האָט ער יעדן טאָג געהאַט אַ קביעות צו לערנען חומש רש"י.

### אַנדערע לימודים זאָלן נישט זיין אויפ'ן חשבון פון די פרשת השבוע

דער סאַטמאַרער רב זי"ע האָט געהייסן אַז אין דער תלמוד תורה, און אויך אין זיין ישיבה, זאָל מען ענדיגן יעדע וואָך חומש רש"י ביז'ן סוף, עד כדי כך אַז אויב מ'האָט נישט געענדיגט די גאַנצע פרשה זאָל מען אַראָפּנעמען שעות פון נאָכמיטאָג און דאָס משלים זיין, ווייל מ'קען נישט דורכגיין אַ וואָך אָן ענדיגן די חומש רש"י. ער האָט פאַרלאַנגט אַז די מלמדים זאלן גוט דורכלערנען די חומש רש"י מיט אַלע מפרשים, נאָך איידער זיי לערנען דאָס פאָר, כדי זיי זאָלן דאָס קענען ריכטיג איבערגעבן, בטוב טעם ודעת.

אינדערהיים, אין דער ישיבה אין דער שטאָט סאַטמאַר, איז געווען דער סדר אַז מען האָט יעדע וואָך געלערנט צוויי בלאַט שלחן ערוך. דאָס איז געווען איינגעטיילט אין צוויי קבוצות; איין קבוצה האָט געלערנט 'שו"ע אורח חיים' און די אַנדערע קבוצה האָט געלערנט 'שו"ע יורה דעה'. ס'איז אויך געווען עטליכע גוטע בחורים מיט גאָר שאַרפע קעפּ וואָס האָבן געלערנט ביידע שיעורים.

איז אַמאָל אויסגעקומען, ווען הרה"ק מסאַטמאַר זי"ע האָט פאַרהערט די בחורים פרשת וירא, אַז ער האָט געפרעגט פון אַ בחור, וואָס האָט ער געלערנט; 'אורח חיים' אָדער 'יורה דעה'? האָט דער בחור געזאָגט אַז ער האָט געלערנט ביידע.

> **ווען עס קומט צו וויסן "וואו גאָט וואוינט" דעמאָלט איז בלויז דאָ איין וועג: צו לערנען חומש רש"י!**

דער סאַטמאַרער רב האָט אָבער חושש געווען אַז אפשר איז דאָס געקומען אויפ'ן חשבון פון חומש רש"י, האָט ער אים צוערשט געפרעגט: "וויפיל פשטים זאָגט רש"י אויפ'ן טייטש פון דאָס וואָרט "מאכלת", וואָס שטייט אין דער עקידה". דאָס איז אַ רש"י ממש ביים סוף פרשה, און ווען דער בחור האָט דאָס טאַקע געקענט האָט דער סאַטמאַרער רב געזאָגט מיט אַ שמייכל: **"נו, אויב דו לערנסט אויך חומש רש"י מעגסטו לערנען אורח חיים מיט יורה דעה"**. אַז עס גייט נישט אויפ'ן חשבון פון דער יראת שמים דעמאָלט קען מען טאַקע לערנען אויך אַנדערע לימודים!

### אַ סימן מובהק פאַר 'יראת שמים'

אַלע צדיקים האָבן גערעדט מיט דעם זעלבן נוסח, ווייל אַלע האָבן זיי יונק געווען פון דעם 'באר מים חיים' און געוואוסט דעם זעלבן סוד.

אַ איד איז אַמאָל געקומען צו הרה"ק בעל **פחד יצחק מבאָיאַן** זי"ע און פאַרציילט אַז מען האָט אים מציע געווען אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער, אַ בחור וואָס האָט אַלע מעלות, האָט אים דער פחד יצחק געזאָגט אַז ער זאָל מברר זיין **צי דער בחור לערנט חומש רש"י, ווייל דאָס איז די שטאַרקסטע סימן אויב ער איז אַ ירא שמים!**

הרה"צ רבי **אליהו ראָטה** ז"ל איז געווען אַ גרויסער מחנך וואָס האָט אַסאַך משפיע געווען פאַר בחורים אין די ישיבות וואו ער איז געווען איינגעשטעלט. ער האָט אַסאַך משקיע געווען, עד יומו האחרון, אין דעם לימוד פון חומש רש"י און האָט מחדש געווען דערינען. עס איז געווען מרגלא בפומיה געוואַלדיגע אויסדרוקן וואָס ער האָט מקבל געווען פון צדיקים אַז יראת שמים באַקומט מען פון לערנען חומש רש"י. ווען ער האָט געזען אַ יונגער בחור, פון 13-14 יאָר אַלט, לערנט חומש רש"י פלעגט ער אים ממש מכבד זיין: "ער איז אַ בחור וואָס לערנט חומש רש"י, דאָס איז אַ דמות פון אַן ערליכער בחור, אַ ירא שמים".

### ראשית חכמה יראת ה'; חומש רש"י גיט יראת ה' וואָס איז די אָנהויב פון אַלעס

דאָס איז געווען דער בליק און דער קביעות'דיגער סדר הלימוד פון אַלע צדיקים. מ'רעדט דאך דאָ פון קדושי עליון, אַ שטייגער ווי דער סאַטמאַרער רב זי"ע, וואָס זענען געווען עילויים און גאונים אין אַלע ד' חלקי שו"ע און מסכתות הש"ס, זיי האָבן געשריבן תשובות און מפלפל געווען, אָבער פאָרט האָבן זיי געלייגט אַזאַ דגוש אויף לערנען חומש רש"י.

וואָלט מען געקענט טראַכטן אַז אפשר איז דאָס געקומען צוליב די סגולה דערפון. אָבער **ווער עס האָט געקענט דעם סאַטמאַרער רב אפילו אַ משהו, ווייסט אַז ער האָט דאָס נישט געטון צוליב סגולות...** דאָס זיכער נישט... אויב אַזוי וואָס איז געווען די מורא'דיגע דגוש אויף חומש רש"י?! גאונות מיט פלפולים האָט ער דאָך געקענט טרעפן אין אַלע ראשונים ואחרונים און אין די תשובות ספרים?!

נאר די תשובה איז פשוט, אַז ער האָט אַזוי מקבל געווען פון הרה"ק רבי מרדכי'לע נאַדבורנער זי"ע, וואָס האָט בפירוש געזאָגט אַז חומש רש"י איז די ערשטע זאַך פאַר יראת שמים, אָן דעם הייבט זיך גאָרנישט אן, ווייל **כדי צו לערנען די אַנדערע חלקי התורה דאַרף מען דאָך צוערשט זיין אַן ערליכער איד!**

דאָס איז פונקט ווי איינער זאל זאָגן: "איך לערן טאַקע זייער פלייסיג, אָבער דאָס דאַווענען געב איך אַ כאַפּ אָפּ", **וועט יעדער בר דעת פאַרשטיין אַז דאָס לערנען איז נישט צופיל ווערד אויב ס'קומט נישט מיט קיין יראת שמים.** צדיקים האָבן אַריינגעלייגט חומש רש"י אין דער זעלבער קאַטעגאָריע!

איידער מען רעדט וועגן לערנען אַנדערע זאַכן דאַרף מען צוערשט זען אויב דער מענטש איז אַ איד! חומש רש"י דאָס איז די אלף בית פון אַ איד! דעריבער האָבן צדיקים מקבל געווען אַז **אפילו אַ איד פון זעכציג - זיבעציג יאָר אַלט איז מחויב צו לערנען חומש רש"י, יעדעס יאָר פונדאָסניי**, ווייל דאָס גיט סייעתא דשמיא צו זיין אַן ערליכער איד, ראשית חכמה יראת ה'!

ב

## להשקות את הג"ן; יעדע וואָך קומט אַראָפּ אַ נייע ליכטיגקייט אין דער פרשת השבוע

### די פרשיות התורה ווערן באַוואַסערט מיט חכמה יעדעס יאָר פונדאָסניי

צו פאַרשטיין נאָכמער דאָס גרויסקייט פון זיך קובע זיין צו לערנען חומש רש"י, איז דאָ יסוד גדול בתורה וואָס שטייט פון הייליגן **בעל התניא** זי"ע, און אַנדערע זאָגן עס אויך נאָך בשם דעם **בעש"ט הק'**, אויפ'ן פסוק אין פרשת בראשית: "ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן".

זאָגט דער בעל התניא אַז "גן" איז מרמז אויף די נ"ג פרשיות פון דער תורה. דאָס הייסט אַז יעדעס יאָר, ווען ס'קומט נאָכאַמאָל אָן די וואך פון דער פרשה, גייט אַרויס פון הימל אַ נייע ליכטיגקייט, אַ נייע שכל און אַ נייע חכמה, וואָס טוט באַגיסן די 53 פרשיות פון 'תורה שבכתב'.

די פסוקים פון דער הייליגער תורה זענען אַ 'בסיס' אויף אַלעס וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. יעדע ידיעה פון דער תורה; יעדע השקפה וואָס מ'דאַרף וויסן לגבי דעם מצב הדור; יעדע ספק

הלכה; יעדע רוח הקודש וואָס מ'דאַרף האָבן צו מאַכן אַ החלטה; אַלעס שטייט אין די הייליגע פסוקי התורה! נאָר ס'איז פאַרדעקט, און **דער רבוש"ע האָט אַזוי אויסגעשטעלט אַז יאָר יערליך, ווען ס'קומט די זמן פון די וואָכנדיגע פרשה, גייט אַרויס אַ "נהר היוצא מעדן"**, וואָס באַגיסט און באַוואַסערט די פרשיות התורה מיט אַ נייע אור!

דאָס איז פונקט ווי מען זעט ביי די גראָז און געוואַקסן אַז יעדעס יאָר הייבט דאָס אָן בליען פונדאָסניי, נאָכדעם וואָס אַגאַנץ ווינטער זענען זיי געווען פאַרטריקנט. אַזוי אויך די ביימער זענען אַהאַלב יאָר ליידיג, און יעדעס יאָר שיקט דער אויבערשטער אַריין די "שרף" אין די אילנות, חמשה עשר בשבט, אַז ס'זאָל ווערן אויפגעפרישט מיט אַ נייע חיות. **דאָס זעלבע איז די תורה הק' אויסגעשטעלט און געבויעט אויף אַזאַ סאָרט אופן:** דער אויבערשטער שיקט שטענדיג אַריין אַ פרישע חכמה אין די פסוקי התורה. דאָס איז אַ נייע שכל וואָס ווערט געגעבן פאַר אידישע קינדער וואָס ווילן ווערן נתקרב צו השי"ת דורך לימוד התורה.

## ותקננו בעצה טובה; אין די תורה ליגט אַלע עצות אויפ'ן לעבן

ווען אַ איד לערנט תורה, צום ביישפּיל ווען ער לערנט גמרא אָדער שלחן ערוך, איז דאָ איין חלק פון דעם לימוד אַז ער לערנט דאָס כדי צו וויסן "את המעשה אשר יעשון"; אַריינצונעמען די ידיעות וואָס דאָרט שטייט; צו וויסן וואָס איז די שיטה פון 'רב' און וואָס איז די שיטה פון 'שמואל', וואָס פסק'נט דער ט"ז און וואָס זאָגט דער מג"א, א.א.וו.

דערנאָך איז פאַראַן נאָך אַ חלק בתורה, וואָס איז נישט בלויז נוגע פאַר צדיקים, **נאָר ס'איז שייך ביי יעדן איד, ווייל יעדער איד האָט אין זיך אַ בחינת צדיק:** דאָס איז אַז מען האָט דיך געגעבן די תורה **כדי דו זאָלסט פון דאָרט לערנען און וויסן וואָס צו טון;** נישט בלויז ביי די הלכות וואָס שטייט אין מג"א און אין ט"ז; נאָר אויב האָסט דו געלערנט וועסטו אויך באַקומען דעם 'שכל' און דעם 'דעת' לגבי אַלע אַנדערע פרטים פונעם לעבן. וויאַזוי ווייסט אַ מענטש אַז ער זאָל צוגיין צו דעם ספּעציפישן שידוך?! ווייל ער האָט באַקומען אַ געוויסע אור און הבנה אַז דאָס איז די ריכטיגע שידוך!

אַסאַך גייען פרעגן אַן ערליכער איד ביי אַזעלכע שאלות, און אַזוי דאַרף טאַקע זיין, אָבער ס'איז דאָ אַ נקודה ווען דער מענטש שפּירט אַ געוויסע בליץ אין קאָפּ אַז לכאורה דאַרף מען גיין ווייטער מיט דעם שידוך. דערנאָך וועט ער אוודאי גיין צום ערליכן איד צו זיכער מאַכן און באַשטעטיגן אַז דאָס איז טאַקע די ריכטיגע זאַך. פונקט ווי ווען מען איז מחליט וואָס פאַראַ נאָמען צו געבן פאַר'ן קינד און דערנאָך גייט מען צום רבי'ן נעמען אַ ברכה אויף דעם נאָמען.

בנוסף לזה, ווען מען גייט צו אַ צדיק פרעגן די ספיקות, וויאַזוי ווייסט דער צדיק וואָס צו ענטפערן? פון דער הייליגער תורה! **ווען מען לערנט תורה ריכטיג דעמאָלט העלפט דער אויבערשטער אַז מען זאָל וויסן וואָס מען האָט צוטאָן!** הגם ס'האָט נישט ממש קיין שייכות מיט די הלכה וואָס מען האָט יעצט געלערנט, ווייל אַלעס שטייט אין דער תורה.

ווען אַ איד לערנט תורה וועט ער וויסן וויאַזוי זיך צו פירן! דער אויבערשטער וועט אים אַריינשיקן

> "ניין, ער האָט נישט געהאַט קיין חלום, אָבער ער האָט באַקומען אַ געוויסע קלאָרקייט

די בליץ, דער רעיון, און די ריכטיגע צוגאַנג, מיט אַ קלאָרקייט אין לעבן, וויאַזוי צו מחנך זיין די קינדער ריכטיג, און אַלע אַנדערע טויזנטער זאַכן וואָס איז נוגע אין לעבן, **אויף אַלעס שטייט אַ פונקטליכע 'פתרון' אין דער תורה הק'!**

## אַ קלאָרקייט פאַר יעדע סאָרט סיטואַציע פון ספיקות אין לעבן

אַזויפיל מאָל טרעפט זיך אַ מענטש אין אַ פאַרפּלאָנטערטע מצב מיט ספיקות: זאָל ער גיין זאָגן פאַר'ן מנהל פון דער ישיבה אַז ער האָט טענות אויפ'ן מגי"ש פון זיין בחור?! זאָל ער טויש די מוסד פון זיין קינד?! אַזוי איז דאָ אַלע סאָרט שאלות, וואָס האָבן נישט קיין קלאָרע 'שוואַרץ-און-ווייס' ענטפער; די תירוץ איז ערגעץ אינמיטן און דער מענטש טרעפט זיך צעמישט.

זאָל מען וויסן אַז ס'איז דאָ אויף אַלעס קלאָרע תשובות! **וויאַזוי?! דורך די תורה הק'!** און דאָס אַרבעט בלויז דורך לערנען תורה! אַ שיינעם טאָג שטייט דער מענטש אויף און זאָגט: "איך טויש נישט מיין קינד פון דער ישיבה וואו ער לערנט". וואָס איז געשען?! ביזט דאָך געווען אַזוי ברוגז אויף דעם מוסד?! האסט געהאַט אַ חלום אַז זאָלסט טוישן?! ניין, ער האָט נישט געהאַט קיין חלום, אָבער ער האָט באַקומען אַ געוויסע קלאָרקייט, ער שפּירט אַז יעצט דאַרף ער מער מתפלל זיין און טון אַנדערע פעולות, אָבער נישט טוישן ישיבות. **דאָס איז געקומען ווייל ער האָט געלערנט תורה, און אין די תורה ליגט אַ תשובה אויף אַלע סאָרט ספיקות.**

אָבער כדי די תורה זאָל געבן די ריכטיגע בהירות, אַז מען זאָל טאַקע נישט בלאָנזשען, דאַרף מען לערנען די תורה ריכטיג! איינס פון די מהלכים וויאַזוי צו לערנען ריכטיג איז **דער לימוד פון 'תורה שבכתב'**, ווען מען טוט דאָס מיט אַ צוגאַנג פון ביטול, אַז ער וויל הערן וואָס דער רבוש"ע גייט אים זאָגן.

דער איד ווייסט טאַקע נישט גענוי ביי וועלכן פּסוק ס'גייט פּאַסירן, ער ווייסט נישט ווען ס'גייט אים אויפבליצן די עצה טובה פון דער תורה, אָבער ער האָט דעם ביטול; **ער גייט אין מקוה ערב שב"ק נאָכמיטאָג און די גאַנצע וועלט איז יעצט נישטאָ, ער קאָכט זיך אַצינד אין אַ מעביר סדרה זיין!** וואָס הייסט?! ער לערנט דאָך יעצט וואָס דער רבוש"ע האָט געזאָגט!

## מעשי אבות סימן לבנים; מיר קענען זיך טרעפן אין יעדע פרשה

אין די יעצטיגע פרשיות פון 'חומש בראשית' איז דאָך אַזוי קלאָר און לייכט צו קענען אַרויסנעמען אַ לימוד און אַ מוסר השכל. **די אַלע נסיונות פון די אבות הק' גייען מיר אויך אַריבער, נאָר מיר דאַרפן טרעפן די נקודה ביי אונזער לעבן וואו מען זאָלן דאָס צושטעלן.**

צ.ב.ש. דער נסיון פון "לך לך מארצך אל הארץ אשר אראך", דער רבוש"ע זאָגט פאַר'ן מענטש: איך פאַרצייל דיך נישט וואו דו גייסט אָנקומען, אָבער **אויב דו וועסט נישט פרעגן קיין שאלות און וועסט אַלעמאָל גיין מיט מיר, וועל איך דיך בענטשן!** פאָלג בלויז וואָס איך הייס דיך, האַלט זיך בשמחה, וועט פאַר דיר זיין גוט!

ווייטער אין פרשת לך לך לערנט מען וועגן די מלחמה פון אברהם אבינו מיט די פיר מלכים, **יעדער מענטש האָט אַ מלחמה מיט די טומאה און מיט די שוועריגקייטן. ער דאַרף לוחם זיין און דער רבוש"ע וועט אים געבן סייעתא דשמיא.** דער פסוק זאָגט דערנאָך "והאמין בה' ויחשבה לו צדקה", ווען אַ איד זאָגט: "כ'האָב געהאַט בטחון, כ'האָב געמיינט אַז די ישועה וועט שוין קומען און דערוויל וואַרט איך שוין אַזוי לאַנג", זאָגט אים די תורה הק': **"והאמין בה'", גלייב, האָב ווייטער אמונה!** ס'וועט דיך זיין גוט מיט די 'בשורה של זרע' מיט די 'בשורה של ירושה' און אַלע אַנדערע ישועות.

ממש יעדע פסוק פון יעדע פרשה רעדט צו יעדן איד, דאָס איז דער יסוד פון דעם בעש"ט הק'. איבערהויפּט אַז יעדעס יאָר קומט אַראָפּ אַ נייע שכל אין די פסוקי התורה, ווייל די מציאות פון דער וועלט ווערט דאָך אַנדערש. דערפאַר זאָגן אונז צדיקים: **געדענקט צו לערנען אַזוי, ווייל אויב דו וועסט נישט לערנען אויף דעם אופן, וויאַזוי וועסטו וויסן וואָס צו טון? וועסט טאַקע לערנען ש"ס ופוסקים אָבער וויאַזוי וועסטו לעבן מיט'ן אויבערשטן?** אַז דו ווילסט לעבן מיט אַ קרבת אלוקים דאַרפסטו לערנען "וידבר ה' אל משה לאמור" און טרעפן דאָרט וויאַזוי ס'איז נוגע צו דיר!

## מעביר סדרה זיין איז אַזוי ווי אַ 'בחינה'...

דער הייליגער **רוזינער** זי"ע האָט געזאָגט אַז ווען אַ איד איז מעביר סדרה דאַרף ער זיך נאָכקוקן ביי יעדע מצוה ווי אויסגעהאַלטן ער איז מיט דער מצווה. דער רבוש"ע רעדט דאָך יעצט צו אים! **ווען מען לערנט די פסוקים פון די מצות ה' דאַרף דאָס זיין אַזוי ווי אַ 'בחינה'! דער מענטש דאַרף זיך אליינס שטעלן צום פאַרהער:** וואָס טוט זיך מיט מיין כיבוד אב ואם?! וויאַזוי קוקט אויס מיין זהירות נישט מזיק צו זיין יענעם?! וויאַזוי איז מיין גמילות חסדים?! א.א.וו.

אין די פרשיות פון 'סדר בראשית' קענען מיר זיך זיכער טרעפן. יעדע מעשה פון די אבות הק', אברהם יצחק און יעקב, איז אַ לימוד פאַר אונזער לעבן. ווידעראום אין די שפּעטערע חומשים דאַרף מען זיך לערנען פון די מצוות, וואו מיר דאַרפן זיך פאַרהערן אין יעדע פרשה באַזונדער. אויב מען לערנט אַזוי וועט מען האָבן די סייעתא דשמיא צו זיין אַן ערליכער איד!

# כי הם חיינו; מחבר זיין 'תורה שבכתב' צו אונזער גשמיות'דיגע לעבן אין דעם 'עולם העשיה'

## די חילוקים צווישן 'תורה שבכתב' און 'תורה שבעל פה'

צו אָפּלערנען דאָס ענין טיפער, איז דאָ אַ יסוד נפלא וואָס איז מבואר אין חסידי'ישע ספרים, לויט דעם כלל אַז 'תורה שבכתב' און 'תורה שבעל פה' זענען צוויי אַנדערע בחינות מיט אַסאַך חילוקים.

איין חילוק, פּסק'נט דער **שו"ע הרב**, אַז ביי 'תורה שבכתב' איז מען יוצא לימוד התורה אפילו אויב מ'זאָגט בלויז אַרויס די ווערטער מיט'ן מויל, אָבער ביי 'תורה שבעל פה' דאַרף מען אויך פאַרשטיין וואָס מען לערנט, ס'איז נישטאָ קיין מצוות לימוד התורה בלויז פון זאָגן.

נאָך אַ חילוק ווייסן מיר אַז על פי קבלה איז ביינאַכט נישט קיין צייט פאר 'תורה שבכתב'. די נעכט זענען באַשטימט בלויז פאר 'תורה שבעל פה'. אַ דריטער חילוק איז די הלכה אַז 'תורה שבכתב' דאַרף מען אָפּשרייבן און 'תורה שבעל פה' דאַרף בלייבן בעל פה, מען האָט דאָס בלויז מתיר געווען צו שרייבן, צוליב 'עת לעשות לה' הפרו תורתך'.

אַלעפאַלס איז דאָס צוויי באַזונדערע בחינות פון תורה, און יעדע אידישע נשמה דאַרף האָבן די ביידע בחינות.

די 'תורה שבכתב' באַשטייט פון די 'אותיות' וואָס זענען אָפּגעשריבן אין דעם ספר תורה, ווידעראום די 'תורה שבעל פה' ברייטערט דאָס אויס מיט אַלע פירושים און הסברים. און ווי ערוועהנט, **קומט יעדעס יאָר אַראָפּ אַ נייע הבנה, אַ נייע שכל און אור, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער תורה, כדי צו ליכטיג מאַכן דאָס לעבן פון אַ איד**, ער זאָל וויסן וויאַזוי זיך צו פירן.

## 'תורה שבעל פה' באַלייכט דעם חשכות פון 'עולם הזה'

די **ספרים הק'** זענען מסביר די פּנימיות'דיגע סיבה, פאַרוואָס די צייט פון 'תורה שבעל פה' איז ביינאַכט. די הבנה דערפון איז וויבאַלד אונזער וועלט, דער עולם העשי', איז אַ וועלט פון 'חושך' און 'לילה' וואו מיר פּאַטשקען דאָ מיט גשמיות, מיר רעדן פון גשמיות, און מיר זענען עוסק אין גשמיות. אָבער **דער רבוש"ע האָט דאָס דירעקט אַזוי אויסגעשטעלט ווייל ער האָט געוואָלט אַז אידישע קינדער זאָלן אריינלייכטן די הייליגע תורה אין דעם פינסטערן וועלט**, דורכדעם וואָס מיר זענען מקיים מצוות מיט די גשמיות'דיגע זאַכן און דורכדעם וואָס מיר געדענקן דעם אויבערשטן אין דעם גשמיות! דאָס איז דער תכלית הבריאה צו אַריינשיינען ליכטיגקייט דאָ אין דער 'לילה' פון עולם הזה!

די 'תורה שבעל פה' טוט אָט די פעולה, צו באַלייכטן די וועלט. ווען עס שטעלט זיך אַוועק אַ מורה הוראה און ער זאָגט אַז מ'קען שוין נישט נוצן אום שב"ק די היינטיגע סאָרט פרידזשעדערס, ווייל עס האָט אַ פרישע שאלה, מער פון די אַלטע סאָרט פרידזשעדערס, און מ'מוז אינסטאַלירן אַ ספּעציעלע פּאַטענט וואָס זאָל זיין מותר צו אַרבעטן אום שבת, האָט מען יעצט אַריינגעברענגט די ליכטיגקייט פון תורה אין דער נייער טעכנאָלאָגיע! **אויסערדעם וואָס מען לערנט 'תורה שבעל פה' האָט מען ממשיך געווען דעם אור פון 'תורה שבעל פה' אַריין אין דעם חושך!**

די שאלה מיט'ן פרידזשעדער איז בלויז אַ דוגמא צו דער נקודה; די עיקר געדאַנק איז אַז אין יעדן מצב פון 'חושך' זאל אַ איד קענען אַריינשיינען דעם אור פון תורה אין דעם מצב.

## מחבר זיין 'תורה שבכתב' צו 'תורה שבעל פה'

אין די ספרים הק' ווערט דאָס אָנגערופן אַז דער מענטש דאַרף מחבר זיין 'תורה שבכתב' מיט 'תורה שבעל פה'.

אַ מענטש קען לערנען 'תורה שבכתב'; ער זאָגט תהלים, ער זאָגט פּסוקים. מען קען אויך לערנען 'תורה שבעל פה'; ער לערנט לומדות מיט גמרא, דאָס איז אַלעס די מצוות עשה פון 'תלמוד תורה'. אָבער אויסערדעם איז פאַרהאַן די באַגריף פון 'מחבר זיין תורה שבכתב מיט תורה שבעל פה'. דאָס הייסט ווען מען לערנט תורה שבכתב און מען נעמט דערפון אַרויס אַ וואָרט אָדער אַן ענין וואָס איז אים נוגע! ס'איז נישט בלויז אַז ער נעמט אַרויס אַ שיין ווארט נאָכצוזאָגן, ס'איז אַסאַך טיפער דערפון! **דער 'וידבר ה' אל משה לאמר' רעדט צו אים!**

דער איד האָט גענומען די אותיות וואָס שטייט אין 'תורה שבכתב' און ער האָט דאָס געברענגט אַז ס'זאָל אָנקומען ביז זיין מצב יעצט דאָ אין דעם עולם העשיה!. דאָס איז אַ חיבור פון 'תורה שבכתב' מיט 'תורה שבעל פה' וואָס איז מתקן די וועלט אויפ'ן שטאַרקסטן אופן!

מ'האָט טאַקע געזען ביי ערליכע אידן אַז זיי האָבן געהאַט אַזאַ חיות דקדושה צו לערנען אַ פּסוק און אַרויסנעמען דערפון ביז הלכה למעשה, ווייל זיי האָבן געוואוסט דעם גרויסן סוד אַז דער ענין פון מחבר זיין 'תורה שבכתב 'מיט 'תורה שבעל פה' איז מתקן די וועלט.

## פאַרוואָס זענען ספרי צדיקים מסודר לויט די פּרשיות התורה?

אַז מען כאַפּט אַ בליק זעט מען אַן אינטערעסאַנטע זאַך אין כמעט אַלע חסידי'ישע ספרים (אויסער ממש איינצלנע, ווי ספה"ק ליקוטי אמרים תניא, און אפשר דער ספה"ק 'שער התפלה' פון דעם באר מים חיים), **זענען** נישט אויסגעשטעלט ווי אַ מסודר'דיגע בנין, מיט אַ סדר פון פּרקים, וויאַזוי צו דינען דעם אויבערשטן.

די צדיקים האָבן דאך אויסגעלערנט אין זייערע ספרים וויאַזוי אַ איד דאַרף לעבן אויף דער וועלט, אָבער מ'קען דאָס זען קלאָר ביי אַלע צדיקים פון אַלע מקומות, פון רוסלאַנד, גאַליציע, אוקראַינע, אונגאַרן, פוילן, וכו'. אַז זיי האָבן געשריבן אַלע יסודות און אַלע מהלכים פאר עבודת ה' וואָס איז זיי נתגלה געוואָרן ברוח הקודש, און **ס'איז דוקא געשריבן געוואָרן אויף די פּסוקים פון די פּרשיות, נישט מיט קיין סדר**. געווענליך ווען מען וויל אָנווייזן אויף אַ יסודות'דיגע מימרא זאָגט מען: "דאָס שטייט דאָרט אין פּרשת חוקת אין דעם שטיקל פון "ועוד יש לאמר"...

לאָמיר נעמען אַזאַ ספר ווי **אור החיים הק'**, דאָרט ליגט דאך אַלע יסודות פון אידישקייט מיט אַזאַ קלאָרקייט, אָבער מען דאַרף דאָס טרעפן. איין מורא'דיגער שטיקל שטייט אין פּרשת אחרי, די אַנדערע יסוד שטייט אין די צוואָנציגסטע פּשט אויפ'ן וואָרט "בראשית", און אַ דריטער יסוד שטייט אין פּרשת לך לך. אַ מענטש קען אַמאָל זיך וואונדערן: איך וויל דאך וויסן וויאַזוי צו דאַווענען, וויאַזוי צו פּראַווען אַ שבת, וויאַזוי צו מתקן זיין מיינע מדות, פאַרוואָס האָבן די צדיקים נישט אויסגעשטעלט זייערע ספרים מיט אַ סדר פון חלק א', חלק ב', און אַזוי ווייטער?!

## צדיקים האָבן ממשיך געווען 'דעת' דורך לערנען די פּסוקי התורה

די תשובה איז אַז צדיקים האָבן גענומען אַלע זייערע דיבורים פון הויכע פּלעצער! **זיי האָבן נישט סתם געמאַכט שיינע ספרים, נאר זיי האָבן געלערנט תורה שבכתב אויפ'ן ריכטיגן אופן, תורה לשמה, צו וויסן וואָס דער רבוש"ע האָט דאָ געזאָגט.** אַזוי האָבן זיי געטראָפן אין יעדן פּסוק די אמת'ע מהלכים וויאַזוי צו דינען דעם אויבערשטן, אַמאָל האָבן זיי געטראָפן אין איין פּסוק עטליכע מהלכים, און דאָס האָבן זיי איבערגעגעבן פאַר אידישע קינדער.

די צדיקים האָבן געלערנט די הייליגע פּסוקים מיט די ריכטיגע 'הכנה'; דאָס מיינט אַז זיי האָבן געהאַט אַ הייליגע מח, זיי האָבן תשובה געטון פאַר'ן לערנען, זיי האָבן זיך צוגעגרייט פאַר'ן לערנען **אַז זיי גייען יעצט לערנען די תורה פון השי"ת וואָס רעדט צו יעדן מענטש אין יעדן זמן**; דערנאָך האָבן זיי גענומען די פּענע אין דער האַנט אָדער האָבן זיי געזאָגט די הייליגע דיבורים, ושכינה מדברת מתוך גרונם!

אָט דער אופן, פון לערנען 'תורה שבכתב' מיט די ריכטיגע צוגאַנג, **איז געמאַכט געוואָרן פאר יעדן איד לפי ערכו**, נישט בלויז פאר צדיקים! יעדער בחור'ל קען צוביסלעך טוישן זיין מח און אָנהויבן פאַרשטיין וויאַזוי מען לערנט די הייליגע תורה, אַז מ'זאָל אַרויסנעמען דערפון אַ לעבן פון עבודת ה' און קרבת אלקים!

> לערנען 'תורה שבכתב' מיט די ריכטיגע צוגאַנג, איז געמאַכט געוואָרן פאר יעדן איד לפי ערכו


להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה"ב. 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הביני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223